# אור-עלטערן שווינדלערייען

באשיצט אייך און אייערע באליבטע



אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל
**לעטישע דזשעימס**

# מיטלען

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון סטעיט דעוויזשאן פון קאנסומער באשיצונג [’ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און סטעיט דיוויזשאן און קאנסומער פראטעקשאן]**

קאנסומער הילף איינהייט [’קאנסומער אסיסטענס יוניט’]

99 Washington Avenue

Albany, New York 12231-0001

(800) 697-1220

**ניו יארק סטעיט אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל, קאנסומער שווינדל ביורא [’אפיס און די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל, קאנסומער פראודס ביורא’]**

באריכט שווינדלעריי אדער גיבט איין א ’קאמפלעינט’.

(800) 771-7755

ag.ny.gov

**פעדעראלע האנדלס קאמיסיע [’פעדעראל טרעיד קאמישאן’]**

באריכט שווינדלעריי אדער אידענטיטעט גניבה

ftc.gov

(877) 382-4357

**טייערע ניו יארקער,**

שווינדלערס נוצן פארשידענע מעטאדן צו צילן ספעציפישע גרופעס. צום ביישפיל, א סאך שווינדלערייען לאקערן אויף עלטערע מענטשן. איינס פון די מערסטע בלאפערישע שווינדלערייען וואס ווערט באנוצט דורך כיטרע בלאפערס איז די זיידע/באבע ’גרענדפערנט’ שווינדל.

דער שווינדל פארלאזט זיך אויף די גוטסקייט פון אונזערע עלטערע קרובים. דער כיטרער בלאפער מאכט דעם אנשטעל צו זיין א פאמיליע מיטגליד וואס בעט זיך פאר פינאנציעלע הילף אין אן עמוירדזשענסי סיטואציע. דער שווינדלער נוצט אויס זייער קרבן׳ס גוטהארציגקייט ארויס צו שלעפן פון זיי זייער שווער פארדינטע געלט. דער דאזיגער בראשור וועט אייך העלפן אידענטיפיצירן זיידע/באבע ’גרענדפערנט’ שווינדלערייען, און צושטעלן עצות וויאזוי צו האלטן אייך און אייערע אור-עלטערן פארזיכערט.

אויב איר קלערט אז א בלאפער האט זיך פארבינדן מיט אייך אדער מיט אייער זיידע/באבע, באריכט עס צו אייער לאקאלע געזעץ אינפארסירונג באאמטע און צו אונזער אפיס.

מיט שעצונג,

Letitia James



אטוירני דזשענעראל פון ניו יארק
**לעטישע דזשעימס**

## וויאזוי עס ארבעט:

קרימינאלן נעמען אן אייער אידענטיטעט צו גנב'נען פון אייערע אור-עלטערן.

**און צומאל גיבט איר זיי די אינפארמאציע דאס צו טון.**

אייערע אור-עלטערן באקומען א טעלעפאן קאלל, געווענליך אינמיטן די נאכט. עס וועט צוגיין אומגעפער אזוי:

זיך אויפכאפנדיג דערשראקן פון א רואיגען שלאף, קען אייער זיידע/באבע פאקטיש ארויסגעבן דעם נאמען:




מער און מער אפט, אבער, האבן שווינדלער דורכגעזוכט אייער סאציאלע מידיע בלעטער, געוואויר געווארן ווער אייערע קרובים זענען און קומען באוואפנט מיט די אינפארמאציע.

## די געשיכטעס טוישן זיך, אבער נישט די פארלאנגען

אנשטאט אן ארעסט, קען עס זיין א קאר עקסידענט, אדער א דראג ארעסט אדער א מעדיצינישע עמוירדזשענסי. אבער די "פארלאנג" איז די זעלבע: 'ווייער' געלט, פרעג נישט קיין פראגעס, דערצייל נישט פאר קיינעם.

שווינדלער ווייסן ווי אזוי צו שפילן דעם שפיל:

- זיי ניצן אייער סאציאלע מידיע ['סאושעל מידיע'] אקאונטס צו טרעפן עכטע נעמען, עכטע אינטערעסן, עכטע טעלעפאן נומערן. אדער גנב'ען זיי אייער טעלעפאן און דארט האבן זיי אלע אינפארמאציע וואס זיי דארפן.
- זיי רופן אינמיטן די נאכט, רעכענענדיג אויף די צומישעניש פון א פלוצלינג'דיגע אויפוועקונג און די דערווארטונג פון שלעכטע נייעס אין אזא שפעטע שעה.
- מערסטנס פון אלעס, שפילן זיי אויף די זיידע/באבע'ס אום-באגרעניצטע ליבשאפט און זייער גרייטקייט צו העלפן זייערע באליבטע, אפגעזען פון וויפיל עס קאסט. און זיי רעכענען אז מענטשן וועלן זיין צו פארשעמט צו באריכטן די פארברעכן.

### פארברעכנס דארפן ווערן באריכטעט:

רופט אן די לאקאלע געזעץ אינפארסירונג ['לאו ענפארסמענט'] און די אפיס פון די אטוירני דשענעראל, אפילו אויב איר זענט נארוואס טעלעפאנירט געווארן דורך א שווינדלער און איר האט נישט געשיקט קיין שום געלט. דאס האלטן חשבון אויף ווי אזוי די אור-עלטערן שווינדל ווערט באגאנגען קען פירן גאר א ווייטען וועג דאס צו פארמיידן.

ווי אויך, זאגט פאר'ן קרבן ער זאל אנרופן די געלט 'ווייערינג' סערוויס וואס זיי האבן גענוצט; עס קען זיי העלפן אידענטיפיצירן אגענטן וואס העלפן ארויס דאס אויספירן דעם בלאף. אויב די בלאף האט זיך געענדיגט מיטן 'ווייערן' געלט קיין קאנאדע, פארבינדט אייך מיט די קאנאדישע אויטאריטעטן אויף זייער האט-ליין: **(888) 495-8501**.

### איר קענט באשיצן אייערע באליבטע:

- טיילט דאס מיט מיט אייערע אור-עלטערן: מאכט זיכער אז זיי ווייסן אז די שווינדל פאסירט זייער אפט, און אז עס קען פאסירן צו זיי.
- מאכט זיך א 'קאוד' פראגע וואס זיי קענען אייך פרעגן, וואס איר וועט קיינמאל נישט זאגן פאר קיינעם.
- גיבט זיי אייער צושטימונג זיך אייביג נאכצופרעגן ביי אנדערע פאמיליע מיטגלידער צו זען וואו איר זענט.
- זאגט זיי אז זיי זאלן קיינמאל נישט 'ווייערן' קיין געלט צו איינעם וואס זיי קענען נישט.
- מוהטיגט זיי צו רופן די פאליציי אדער די אפיס פון די אטוירני דשענעראל אויב זיי באקומען אזא טעלעפאן רוף.

### איר קענט באשיצן אייער אידענטיטעט:

- באשיצט אייערע באליבטע און אייער אידענטיטעט.
- נוצט פריוואטקייט סעטינגס ['פרייוועסי סעטינגס'] אויף אייער סאציאלע מידיע ['סאושעל מידיע'].
- באגרעניצט די מאס פון פערזענליכע אינפארמאציע וואס איר טיילט מיט.
- "באפריינדעט" ['פרענד'] נאר אזעלכע מענטשן וועמען איר קענט טאקע.
- אנטוויקלט שטארקע 'פעסווארדס' אויף אייערע טעלעפאן און סיי וועלכע אנליין אקאונטס.
- טיילט נישט מיט קיין 'פעסווארדס' מיט פריינט.

## וואס פאסירט ווייטער?

אייער זיידע/באבע ווערן אנגעוויזן אריבער צו שיקן א 'ווייער' פון $1,000, $5,000, אדער אפילו $10,000 צו ערגעצוואו אינדרויסן פון די סטעיט, אדער גאר אינדרויסן פון דאס לאנד. און ווען איר שיקט געלט דורך א 'ווייער', איז עס פונקט אזוי ווי איבער געבן א בינטל קעש. **עס איז נישט דא קיין וועג דאס צו צוריק צו באקומען.**